# במדבר כו - פקודי משה ואלעזר הכהן

## סיכום השיעור

### דער צווייטער מפקד און נחלת הארץ — פרשת פינחס

#### דער מפקד און זיין קאנטעקסט

אין **פרשת פינחס** קומט דער צווייטער מפקד פון כלל ישראל „**אחרי המגפה**" — נאך דער מגפה פון בעל פעור. דער סדר הפרשיות איז באמערקנסווערט: די מעשה מיט מדין און בנות מואב ווערט אונטערבראכן, און ערשט אין **פרשת מטות** („נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים") קומט מען צוריק דערצו. אינצווישן ווערן אריינגעשטעלט ענינים וואס געהערן צו די לעצטע הכנות פאר'ן אריינגיין אין **ארץ ישראל**. דער קאנטראסט צווישן **פקודי משה ואהרן** (דער ערשטער מפקד אין **במדבר סיני**) און **פקודי משה ואלעזר הכהן** (דער צווייטער מפקד אין **ערבות מואב**) שפיגלט אפ דעם פאראלעל צווישן **תורת הר סיני** און **משנה תורה**. דריי טעמים פאר'ן מפקד: (1) נאך דער מגפה דארף מען וויסן וויפיל אידן זענען געבליבן; (2) מ'דארף וויסן די **יוצאי צבא** פאר כיבוש הארץ און **מלחמת מדין**; (3) לויט די משפחות ווערט פעסטגעשטעלט די **חלוקת הארץ**.

#### הערות אין דער ליסטע און בני לוי

די תורה פליכט אריין הערות ביים רעכענען געוויסע משפחות: ביי **בני ראובן** ווערן דערמאנט **דתן ואבירם** און דער מעשה פון **קרח**, ביי **בני לוי** — **נדב ואביהוא**, און ביי **יהודה** — **ער ואונן**. דאס דינט אלס קיצור פון די מעשיות אדער אלס „אפדעיט" פון דער ליסטע. **בני לוי** ווערן באזונדער גערעכנט, ווייל זיי גייען נישט אין מלחמה און באקומען נישט קיין נחלת הארץ. דער סך־הכל פוןביידע מפקדים איז ענליך, אבער אין די פרטים — סיי אין די משפחות סיי אין די צאלן פון יעדע שבט — זענען דא גרויסע חילוקים, וואס שפיגלט אפ דעם וועקסל פון דורות.

#### דער קשיא אין חלוקת הארץ: גורל vs. לרב תרבה

א שטארקע **קשיא** אין דער פרשה: עס שטייט „**לרב תרבה נחלתו ולמעט תמעיט נחלתו**" — א גרעסערע שבט באקומט מער לאנד — אבער עס שטייט אויך „**אך בגורל יחלק את הארץ**" און „**בין רב למעט**", וואס משמע אז דער גורל מאכט נישט קיין חילוק צווישן גרויס און קליין. דאס איז כמעט א **סתירה מפורשת**: אויב „לרב תרבה" באשטימט שוין וויפיל יעדער באקומט, וואס דארף מען א גורל? עס זענען דא פארשידענע מהלכים אין די **מפרשים** וויאזוי צו פארשטיין דעם צוזאמענשפיל פון די צוויי כללים, אבער דאס בלייבט אן אפענע שאלה צום מעיין זיין.

## תמלול מלא

### פרשת פינחס: דער צווייטער מפקד און די סדר פון די פרשיות

#### דער אינטערעסאנטער סדר פון די פרשה

די היינטיגע פרק איז זייער אינטערעסאנט מיט'ן סדר. עס האלט בעצם מיט א מעשה פון אונז, און מ'גייט אוועק וועגן א דבר אחר, און מ'גייט צוריקקומען צו די מעשה נאך א לאנגע הפסקה פון די פרשה און נאך אפאר פרשיות. עס גייט אים צוריקקומען אין פרשת מטות — "נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים".

מ'קען טראכטן כאילו אז די אלע פרשיות קומען דא אריין, עס איז ממש אינמיטן די מעשה, אינמיטן די צייט ווי מדין האט געקומען מיט די בנות מואב מיט די אידן, אין די צייט וואס איז געגאנגען נאכ'ן אראפנעמען זיי. עס שטייט שוין איינמאל די צוואה אפילו פאר דעם, אדער איז דא נאך טעמים פארוואס עס שטייט די סדר. עס איז דא נאך מעשיות אינצווישן וואס האבן געפאסט צו זיין אין די צייט.

מ'דארף פארשטיין די סדר, אבער א כלל איז: אלע זאכן זענען פון די לעצטע זאכן וואס מ'טוט פאר'ן אריינגיין אין ארץ ישראל, און אויכעט דעמאלט איז געווען די מעשה מיט די בנות מואב.

#### "ויהי אחרי המגפה" — די צווייטע ציילונג

יעצט הייבט זיך אן די פסוק, און מ'זעט זייער אינטערעסאנט: "ויהי אחרי המגפה" איז אזוי ווי די אנהייב אינמיטן פון א פסוק, אבער דאס איז קלאר די כאילו המשך — נאך די מגפה איז געווען די נייע אמירה, די נייע צוואה צו ציילן די אידן, כל עדת בני ישראל.

און ווער איז די ציילערס? משה און אלעזר הכהן. אהרן הכהן איז שוין נפטר געווארן, יעצט לעבט נאך משה און אלעזר הכהן.

איז די פסוק שפעטער קאנטראסט זייער קלאר: איז דא די **פקודי משה ואהרן הכהן**, פקודי משה ואלעזר הכהן.

- **פקודי משה ואהרן הכהן** — דאס איז די פקודים וואס מ'האט געלערנט אנהייב פון די ספר, חומש הפקודים
- **פקודי משה ואלעזר הכהן** — דאס איז וואס מיר האבן די פקודים פון ערבות מואב

זייער ענליך צו וואס מיר האבן א תורה: מיר האבן די תורה פון הר סיני און די תורה פון ערבות מואב, וואס דאס איז משנה תורה. איז דא די פקודים פון הר סיני, פון די אנהייב במדבר סיני, און איז דא די פקודים פון ערבות מואב.

#### דריי טעמים פאר דעם מפקד

##### דער ערשטער טעם: נאך דער מגפה

די פשוט'ע פשט קען זיין אז עס האט צו טון מיט דעם וואס עס איז געווען א מגפה — מ'דארף וויסן וויפיל איז געבליבן. דאס איז איינע פון די טעמים.

##### דער צווייטער טעם: יוצאי צבא פאר כיבוש הארץ

אויך קען זיין, און דאס איז פשט ווי מיר גייען זען שפעטער, אז עס האט צו טון מיט דעם וואס מ'גייט אריינגיין אין ארץ ישראל — דארף מען וויסן די יוצאי צבא. איז בעצם אין אנהייב איז אויך געווען דאס, נאר אינצווישן איז געווען די פראבלעם פון די מרגלים, אז די יענע דור אנשי מלחמה זענען נישט אריינגעגאנגען אין ארץ ישראל.

און די צווייטע זאך, אזוי ווי מיר לערנען, קומט דאך א גאנצע זאך מלחמת מדין, און פאר די מלחמת מדין האבן אויך גענומען מענטשן פון די מאסע, און אזוי ווייטער. איז אפשר פאר דעם דארף מען אויך ציילן די מענטשן.

##### דער דריטער טעם: חלוקת הארץ

א דריטע זאך איז דא, אזוי ווי די תורה פירט אויס אין דעם פרק: "אלה תחלק הארץ" — איז לויט די משפחות וואס ווערן גערעכנט דא, איז געשען אויך די חלוקת הארץ, וואס מ'גייט רעדן שפעטער אין פארשידענע פרטים וועגן דעם, מיט די מנות של כל אחד און אזוי ווייטער.

סאו דאס איז נאך א דריטע ריזען, וואס פארשטייט זיך עס האט צו טון מיט די כיבוש, אבער עס האט נאך א ריזען, אז מ'זאל וויסן ווער זענען די משפחות, יעדע משפחה. הגם מ'דארף פארשטיין, איז געווען א גורל פאר יעדע משפחה פון יעדע שבט, וויאזוי דאס האט געארבעט. על כל פנים, דער סדר פון די פקודים האט געמאכט אז מ'זאל מאכן סדר אין די נחלת הארץ.

**בני לוי — א באזונדערע רעכענונג**

ביי דעם מאל זענען די בני לוי ווערן עקסטער אויך גערעכנט דא, אזוי ווי זיי זענען געווען גערעכנט פריער, ווייל לוי גייט נישט אין מלחמה, און אויך האט לוי נישט קיין נחלת הארץ, אזוי ווי די תורה זאגט דא אויך.

**הערות אין די פקודים — דתן ואבירם, נדב ואביהוא, ער ואונן**

ס'איז אויך אן אינטערעסאנטע זאך וואס מ'קען באמערקן ביי די פקודים, אזוי ווי די סדר פון אזויפיל פרשיות אין סוף במדבר דא, איז אז די תורה מאכט אזוי ווי הערות ווען זי רעדט פון געוויסע מענטשן וועגן די זאכן וואס זענען געשען אין מדבר.

**למשל, ווען מ'קומט אן צו בני ראובן**, קומט מען אן צו דתן ואבירם, רעדט מען: דאס איז דער דתן ואבירם וואס זיי האבן "הצו על משה", ס'איז געווען קרח, און "ותפתח הארץ את פיה ותבלע אותם ואת קרח במות העדה".

ווען מ'רעכנט, זאגט מען שוין אזוי ווי ווער ס'איז געווען, כולי, און מ'זאל קענען לערנען דא די קיצור פון די גאנצע מעשה, אדער מ'וויל אזוי ווי אפדעיטן די ליסט מיט די ידיעות וואס איז געשען מיט דעם מענטש אינדערצווישן.

**די זעלבע זאך איז דא אונז שוין געווען ענליך צו דעם פריער ביי נדב ואביהוא:** "וימת נדב ואביהוא", און מ'פארשטייט נישט וואס איז געשען, נאר מ'זאל פארשטיין אז ס'איז נישט געבליבן זייער ירושה.

**די זעלבע זאך ביי ער ואונן ביי יהודה** איז דא א קליינע הערה: "וימת ער ואונן בארץ כנען".

דאס זענען אלעס הערות וואס מ'דארף וויסן.

**חילוקים צווישן דעם ערשטן און צווייטן מפקד**

נאך א גרויסע הערה וואס מ'דארף פארשטיין איז די שייכות פון דעם מפקד און דער פריערדיגער מפקד. דער סך הכל נומבער איז ענליך, נישט ממש די זעלבע אבער זייער ענליך, אבער אין די פרטים איז דא זייער אסאך חילוקים – סיי אין די משפחות וואס ווערן אויסגערעכנט, סיי אין די נומבער סך הכל פון יעדע שבט וואס ווערט אויסגערעכנט.

דאס זענען אלע זאכן וואס מ'קען פארשטיין אז ס'האט זיך געטוישט, ס'איז געווען אנדערש, נאך דעם צווייטן דור האט זיך געטוישט די אלע שינויים.

אדער ס'איז אפילו שפעטער אין די עושר איז געווען גרויסע חילוקים וועלכע משפחה איז געווען חשוב'ער און אזוי ווייטער. אבער דאס איז אלץ א חלק פון די זאכן וואס מ'דארף טראכטן ווען מ'לערנט דעם פרק.

אזוי זענען דא אפאר נעמען וואס זענען נישט ממש די זעלבע נעמען אזוי ווי ס'שטייט פריער. דאס איז נאך א זאך וואס מ'קען מעיין זיין.

**די קשיא פון "לרב תרבה" און "בגורל"**

נאכדעם ווען מ'קומט אן צו דער פרשה פון אינמיטן אינצווישן, זייער אינטערעסאנט און ס'שטימט, ווייל די נחלה איז געווען אינצווישן די פרשה פון די פקודי ישראל און די פקודי הלוים. שטייט:

> "לאלה תחולק הארץ בנחלה במספר שמות, לרב תרבה נחלתו ולמעט תמעיט נחלתו"

און שפעטער שטייט די פקודי הלוים וואס זיי באקומען נישט קיין נחלה.

אבער ס'איז זייער שווער צו פארשטיין וואס הייסט "לרב תרבה נחלתו" – ס'הייסט ווער ס'האט מער פקודים באקומט מער נחלה. דאכט זיך לכאורה אז על פי הגורל, וויאזוי קען זיין על פי הגורל צו צוטיילן? **וואס איז די גורל אויב ס'איז דא א הלכה וואס זאגט ווער ס'האט מער האט מער?** איז לכאורה ווייסט מען שוין וויאזוי ס'דארף צו זיין, דארף מען נישט קיין גורל.

ס'איז דא אסאך מהלכים אין די מפרשים וויאזוי צו פארשטיין, אבער דאס איז א שטיקל אינטערעסאנטע זאך וואס מ'דארף פארשטיין:

- **פארוואס דארף מען האבן די "לרב תרבה נחלתו"?** — די פשוט'ע פשט
- **און וואס איז די גורל?**

די צוויי הלכות וואס שטייט דא:

1. איינס די פקודים
2. צווייטנס "אך בגורל"

און ס'איז משמע כמעט קלאר אז ביי די גורל איז נישט קיין חילוק — שטייט "בין רב למעט". ס'איז כמעט א **סתירה מפורשת** וויאזוי ס'דארף ארבעטן די נחלה: צו מיט א גורל צו "בין רב למעט", אדער "לרב תרבה ולמעט תמעיט"?